# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל






כל הזכיות שמורות

## א ביישפיל פון א אשת חיל

### חלק א: שרה אמנו'ס לעבן

**דער ערשטער בית המקדש**

**ווען** מיר רעדן איבער דעם חורבן בית המקדש, זענען מיר געוואוינט צו טראכטן איבער דעם בית המקדש וואס שלמה המלך האט אויפגעבויעט, אדער דער צווייטער בית המקדש וואס איז באנייט געווארן דורך די גולי בבל וועלכע האבן זיך אומגעקערט קיין ארץ ישראל. די וואס זענען מער באהאוונט מיט די אידישע היסטאריע וועלן מעגליך אויך צוריקקוקן מיט בענקשאפט צו דער משכן ה' וואס כלל ישראל האט געהאט דורכאויס די פערציג יאר אין מדבר און דערנאך דער צווייטער משכן, דער משכן שילה, וואס איז געשטאנען דריי הונדערט ניין און זעכציג יאר, ביז עס איז חרוב געווארן דורך די פלשתים.

אבער דער אמת איז, אז עס איז געווען נאך א חורבן בית המקדש וואס איז פארגעקומען לאנג פריער, אין אנהייב פון אונזער היסטאריע: וַתָּמָת שָׂרָה - און שרה איז נפטר געווארן (חיי שרה כג:ב). אין דעם טאג וואס שרה האט ארויסגעלאזט איר לעצטן אטעם אין איר געצעלט, דאן איז אייגנטליך געווען דער ערשטער חורבן בית המקדש.

די געהויבנסטע היים פון אונזער היסטאריע איז חרוב געווארן.

**א גלאררייכע תקופה אין היסטאריע**

**צו** פיל מענטשן זעט דאס אויס ווי איבערגעטריבן. עס דאכט זיך אויס אז דער וויכטיגסטער טייל פון אונזער היסטאריע איז געווען שפעטער, ווען אידישע קינדער זענען פארמערט געווארן אין צאל צו ששים רבוא מענטשן און פארלאזט מצרים כדי צו מקבל זיין די תורה אויפ'ן בארג סיני - דאן איז געווען די צייט ווען מיר זענען געווארן א פאלק; דאן איז ווען אונזער היסטאריע האט זיך אנגעהויבן.

אבער דאס איז נישט פונקט אזוי - דאן האט זיך אייגנטליך געענדיגט א גלאררייכע עפאכע פון אונזער היסטאריע. מיר מוזן צוריקקוקן אויף די לעבנס פון אונזערע אבות אלס א יסודות'דיגער טייל פון אונזער היסטאריע. אין די צייט ווען די אבות הק' האבן פארלאזט די וועלט, איז א העכסט וויכטיגער טייל פון אונזער היסטאריע געקומען צו א סוף. ווי דער רמב"ם ברענגט, אז ווען די אבות

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

הק׳ זענען נסתלק געווארן איז די שכינה הק׳, וואס האט גערוט אין זייערע געצעלטן, געגאנגען אין גלות.

אלזא, פארשטייען מיר אז דער ערשטער בית המקדש איז אייגנטליך געווען די געצעלט וואס שרה אמנו האט אויפגעשטעלט.

## שרה אמנו׳ס לערער

**לאמיר** אביסל נאכקוקן ווי אזוי שרה אמנו האט דערגרייכט אירע הויכע דרגות, פון ווען זי האט חתונה געהאט צו איר הייליגן מאן אברהם אבינו. שרה אמנו איז געווען צען יאר יונגער פון אברהם. פונקט ווען זיי האבן חתונה געהאט איז שווער צו וויסן, אבער מען קען זיך פארשטעלן אז אברהם האט ווארשיינליך חתונה געהאט ביי א יונגען עלטער, לאמיר זאגן ביי די אכצן יאר אלט - פארשטייט זיך דאס איז נאר א השערה - קומט אויס אז שרה איז דאן געווען א קליין מיידל פון אכט יאר אלט.

אברהם איז געווען א ספעציל קלוג קינד; ער האט אפגעלערנט די וועלט ארום זיך און שוין ביים עלטער פון דריי יאר האט ער זיך פארגעשטעלט אז עס מוז זיין אז די וועלט האט א באשעפער, און ער האט קיינמאל נישט אויפגעהערט צו טראכטן דערוועגן! בייטאג און ביינאכט האט ער אלץ מער און מער נאכגעפארשט אין אלעס ארום און ביז ער האט דערגרייכט צום עלטער פון אכצן יאר, האט ער זיך שוין זיכער געהאט שטארק פאראויסגערוקט אין זיינע פארשונגען. אברהם אבינו האט נישט געדארפט גיין אין קיין שולע, די גאנצע בריאה איז געווען פאר אים א שולע און ער האט געזען דערין פיל מער ווי סיי וועלכער פראפעסער וועט אמאל אויסטרעפן.

און אזוי קענען מיר זיך פארשטעלן אז ער האט ארויסגענומען זיין יונגע פרוי צו די פעלדער, ווייזנדיג אויף די פיל וואונדער פון באשעפער וואס ליגט אין די נאטור. ״זע שרה,״ האט ער געזאגט, ״קוק אויף די דערנער צווישן די רויזן.״ ״באטראכט די בינען וואס וואוינען אין זייער בינענשטאק.״ ״כאפ א בליק דארט אינעם האריזאנט אויף די וואלקענעס וואס פארעמען זיך איבער די וואסער.״ ער האט איר ערקלערט די טיפע חכמה וואס ליגט אין די פיל פארשידנארטיגע פראצעדורן און ערשיינונגען פון דער נאטור, און שרה האט אויסגעהערט. זי איז קיינמאל נישט מיד געווערן צו אויסהערן. זי איז געווען א גרעסטענע תלמידה וואס האט אלעס איינגעזאפט אין זיך.

## א געהויבענע פערזענליכקייט אנטוויקלט זיך

**מיט** די צייט איז שרה אליין אויסגעשטיגן אלס א געהויבענע פערזענליכקייט, אן אשה צדקנית. שרה האט געקוקט אויף די אנגעבלאזענע קערנדלעך פון דעם דאנדעליען בלום וואס ווערן צעבלאזן דורכ׳ן ווינט, צו ווערן איינגעפלאנצט אין א צווייטן ארט. דאס איז נישט קיין צופאל. די קערנדלעך זענען פון א לייכטער מאטריאל, ספעציעל געמאכט צו קענען געפירט ווערן דורכ׳ן ווינט. זי האט באטראכט די קערנדלעך פון די שקמה ביימער; זי האט אויפגעהויבן איינע און געזען ווי די רונדעכיגע קערנדל איז צאמגעשטעלט פון הונדערטער קליינע קערעלעך און יעדע קערעלע האט פליגלען באהאפטן דערצו, אזוי אז עס קען גרינג פליען מיט׳ן ווינט און זיך פארשפרייטן איבעראל און איינפלאנצן נאך ביימער. איז דאס דען נישט א מערקווירדיגע ערשיינונג, אז א קערנדל זאל האבן פליגלען? שרה האט אבער נישט געזען דאס קערנדל מיט די פליגלען - זי האט דערזען דעם באשעפער!

ווען שרה האט געזען א קו אין פעלד האט זי געטראכט צו זיך, ׳די קו איז א וואונדערליכער מאשין!

זי עסט ביליגע גראז און ארבעט עס אויס צו ווערדפולע מילך, פלייש און לעדער. און וואס טוט זי מיט אירע איבערבלייבענישן, די מיסט? זי מיסטיגט דערמיט די פעלדער, אז פארשידענע עסנווארג זאל קענען וואקסן. אבער פון אט די באמיסטיגונגען שאפן זיך פליגן - די פעלדער ווערן פול מיט פליגן און די פליגן בייסן די קווען. דערפאר האט די קו א לאנגער וויידל און ביים ענדע פונעם וויידל האט זי א קלייגער בעזעם וואס זי וויגט אהין און צוריק, אראפשארנדיג פון זיך אלע פליגן.

אזוי האט שרה ארייגעטראכט אין אלעם, א גאנצן טאג. זי האט נישט געקוקט אויף 'קווען' - זי האט געזען דערין די וואונדער פון דעם באשעפער'ס בריאה.

יארן לאנג האט שרה פארברענגט אירע טעג און נעכט באטראכטנדיג אט די מערקווירדיגע זאכן און טראכטנדיג פון דעם באשעפער. שרה איז געווען ניינציג יאר אלט ווען זי האט געבוירן איר קינד, האט זי געהאט גענוג צייט אין איר לעבן צו אנקומען צו געוואלדיגע דערגרייכונגען. און אודאי האט זי גענוצט אט די אנערקענונגען אין דעם באשעפער וואס זי האט קונה געווען, צו בויען איר שטוב מיט די השקפה - זי האט געבויעט א היים וואס קיינער האט זיך דערמיט נישט געקענט פארגלייכן.

## דער וועג צו גערעכטיגקייט

**דער** נביא ישעיה זאגט פאר אידישע קינדער, שִׁמְעוּ אֵלַי רֹדְפֵי צֶדֶק מְבַקְשֵׁי - הערט צו מיר, די וואס טוען נאכיאגן גערעכטיגקייט, די וואס זוכן דעם באשעפער (ישעיה נא,א).

אין דעם צווייטן טייל פסוק לערנט אונז ישעיה הנביא - על פי ה' - ווי אזוי צו דערגרייכן אט דעם ציל פון גערעכטיגקייט. הַבִּיטוּ אֶל צוּר חֻצַּבְתֶּם - קוקט אויפ'ן שטיין פון וועלכן איר זענט אויסגעהאקט געווארן, וְאֶל מַקֶּבֶת בּוֹר נֻקַּרְתֶּם - און צו דעם לאך פונעם גרוב פון וואו איר זענט ארויסגעקומען.

וואס איז טאקע דער שטיין פון וועלכן מיר זענען אויסגעהאקט געווארן און וואס איז דער גרוב פון וואו מיר זענען ארויסגעקומען? זאגט דער נביא ווייטער, הַבִּיטוּ אֶל אַבְרָהָם אֲבִיכֶם - קוקט צו אברהם אייער פאטער, וְאֶל שָׂרָה תְּחוֹלֶלְכֶם - און צו שרה וואס האט אייך געבוירן (שם נא,ב).

דאס איז דער וועג צו קונה זיין גערעכטיגקייט. אויב דו זוכסט דעם באשעפער מיט אן אמת, דאן קוק אויף זיי, אברהם און שרה, אויף דעם הויז וואס זיי האבן אינאיינעם געבויעט. 'הביטו' מיינט, צו האלטן אין איין קוקן. טו זיי נאכפארשן נאך און נאך. טו זיי נאכמאכן מיט אלעם וואס די תורה דערציילט אויף זיי, און אלעס וואס די חז"ל און מפרשים ערקלערן אויף זיי. לייג צו קאפ דערצו. דאס איז דער וועג פאר רודפי צדק און מבקשי ה' צו מצליח זיין.

דער נביא רעדט סיי פון אברהם און אויך פון שרה - שרה אמנו! און דאס איז נישט בלויז ווייל זי איז געווען די פרוי פון אברהם, נאר אויך צוליב איר אייגענע גדלות, צוליב וועלכן דער באשעפער האט אויסגעוועלט אין איר צו זיין פון די ערשטע אמהות פון כלל ישראל! ווען דער באשעפער האט צוגעזאגט אז זיין אייביגער פאלק וועט ארויסקומען פון אברהם, האט ער באשטימט אז דורך קיין שום אנדער פרוי וועט נישט געפלאנצט ווערן די קערנדל צו די הבטחה, נאר דורך שרה. און דערפאר, ווען מיר ווערן באפוילן צו 'צוריקקוקן', ווערן מיר ספעציעל באפוילן צו נאכמאכן דעםביישפיל פון 'שרה וואס האט אייך געבוירן'.

### א ביישפיל פאר די קומענדיגע דורות

**אויב** ווילן מיר מצליח זיין אין לעבן, דארפן מיר פון פאראויס וויסן ווי אזוי מיר ערווארטן אז די תוצאות זאלן אויסזען. ווען מען פלאנט צו בויען א בנין, מוז מען פון פאראויס וויסן ווי אזוי מען וויל די געביידע זאל אויסזען - עס מאכט א גרויסער חילוק צי מען וויל אז דאס זאל זיין א געשעפט, א שולע אדער א כאטקע. מען דארף האבן א מאדעל צו נאכפאלגן און דערפאר דארף מען טרעפן א ביישפיל לויט וואס מען שטעלט אויס דעם בוי פלאן. און דאס זאגט דער נביא ישעיה; די אויסדערוועלסטער, פאסיגסטער היים אין די אידישע היסטאריע, דאס זאל זיין אייער מאדעל - און דאס איז דער היים פון אברהם אבינו און שרה אמנו.

וויפיל מען וועט רעדן איבער די געהויבנקייט פון זייער געצעלט, וועט מען נישט קענען צוקומען צו רעדן און פארשטיין אפילו א משהו פון זייער גדלות. פראבירנדיג נאר צו אנהייבן רעדן, שפיר איך זיך ווי א מורישקע וואס קוקט ארויף צו א שפיץ פון א הויכער בארג. עס איז נישט מעגליך פאר אונז צו משיג זיין די געוואלדיגע גרויסקייט וואס ליגט באהאלטן אין שרה אמנו׳ס געצעלט. עס איז גלייך ווי א בלינדער רעדט פון דעם לעכטיגן שיין פון דער זון - מיר האבן דאס קיינמאל נישט געזען און מיר האבן נישט די מינדעסטע השגה איבער די הייליגע ליכטיגקייט וואס האט באלויכטן איר געצעלט. אבער מיר קענען יא פראבירן צו פארשטיין כאטש א קליין ביסל פון די השקפה וואס איז געווען קענטיג אין דעם הייליגן געצעלט און וואס האט עס געפארעמט מיט׳ן ענדע ציל, אלס א בית המקדש אין וועלכן די שכינה האט גערוט.

## חלק ב: שרה אמנו׳ס היים

### די מאמע שטעלט אראפ דעם טאן

**איידער** מיר גייען ווייטער, פאדערט זיך א שטיקל ערקלערונג אויף א נקודה: עס איז באקאנט, וואס די תורה דערמאנט מערערע מאל, אז אברהם אבינו האט געגרונדעט דאס אידישע פאלק. מיר וויסן אבער אז אברהם האט זיך אסאך געדרייט אויף די וועגן און שרה האט זיך מערסטנס צייט געפונען אין געצעלט. שרה איז געווען די ׳עקרת הבית׳, זי איז געווען דער עיקר וואס האט געבויעט איר היים, איר בית המקדש.

אודאי האט אברהם אבינו אויך געהאט זיין טייל אינעם בנין. ווי מען טייטשט, אַל תִּקְרָא בָּנַיִךְ אֶלָּא בּוֹנָיִךְ - די אבות הקדושים זענען געווען די בויערס פון די וועלט, אויסדריקליך. אברהם אבינו האט געמאכט א רעוואלוציע אויף די וועלט. וַיִּקְרָא בְּשֵׁם ה׳ - ער איז ארויסגעגאנגען און געמאכט די וועלט אנערקענען דעם באשעפער. אבער וואס עס איז נוגע די געצעלט, הָאֹהֱלָה אֶל שָׂרָה - דארט האט זיך שרה געפונען.

שרה האט ערצויגן יצחק. זי האט אים געלערנט און מחנך געווען צו וואקסן אלס דער הייליגער פאטער פון כלל ישראל. שרה האט געבויעט א ׳בית ישראל׳! די מוטער פון כלל ישראל האט זוכה געווען צו איר אייביגן טיטל ׳שרה אמנו׳, דורך דעם אופן ווי אזוי זי האט געבויעט איר היים.

פיל פרויען זענען משקיע אין זייער היים, פיל פרויען שטעלן אויף א הויז. אבער נישט דאס איז וואס שרה אמנו האט געבויעט. שרה האט געבויעט איר שטוב מיט אן אויסטערלישע דרגה פון הייליגקייט; זי האט געבויעט א בית המקדש, אן ארט וואו צו דינען דעם באשעפער.

## א הויז מיט'ן באשעפער

**די** צענטראלע טעמע, דער רונג ארום וואס אלעס האט זיך געדרייט, איז געווען 'דער באשעפער פון דער וועלט'. אלע זייערע מחשבות און אלע זייערע מעשים זענען געווען דורכגענומען מיט די אמונה אז 'דער באשעפער געפינט זיך אין אונזער געצעלט'. אט אזוי איז זייער געצעלט געווארן א בית המקדש - די קדושה, די אנערקענונג אין באשעפער, איז געווען אזוי געדעכט אז עס האט נאכאנאנד משפיע געווען אויף אלעם וואס זיי האבן געטון.

מיינט נישט אז אין אזא געהויבענע היים פעלט פרייד און לוסט. אברהם און שרה האבן געלעבט זייער גליקליך. זיי האבן געהאט פיל גרעסערע הנאות אין זייער היים ווי מיר האבן - פיל, פיל מער. אבער זייער ציל איז געווען צו בויען א בית המקדש און דאס פאדערט א כסדר'דיגע אנערקענונג אין באשעפער. ווען זיי האבן געגעסן, האבן זיי געגעסן אזוי ווי מענטשן וואס עסן קרבנות פון דעם מזבח. ווען זיי האבן גע'שחט'ן א בהמה און צוגעגרייט עסן פאר זיך און זייערע געסט, איז עס גארנישט געווען קיין קלענערע עבודה ווי ווען די כהנים האבן גע'שחט'ן און צוגעגרייט קרבנות אויף דעם מזבח אין דעם בית המקדש.

אלעס וואס שרה האט געטון פאר גשמיות'דיגע געברויכן, איז געווען א שטיק רוחניות. יעדע זאך וואס זי האט געטון אין איר היים איז געווען דורכגעווייקט מיט דעם באשעפער. ווען שרה האט געבאקן, האט זי נישט סתם געבאקן; זי האט צוגעגרייט א קרבן מנחה. זי האט געדינט דעם באשעפער! די גמרא ברענגט אז דער פר פון יום כיפור איז נאר געווען אן אפשפיגלונג פון דעם פר וואס אברהם האט גע'שחט'ן פאר יעדן גאסט. אזוי קען מען זיך אויך פארשטעלן אז די חלות וואס שרה האט געבאקן איז געווען א פארבילד פאר אלע חלות וואס זענען געברענגט געווארן אין בית המקדש, די לחמי תודה און די לחם הפנים און די שתי הלחם. אלעס וואס שרה האט געטון אין איר געצעלט, איז געווען ווי א כהן וואס טוט די עבודה אין בית המקדש.

## אויפשטעלן א הייליג הויז

**אויף** שרה אמנו קען מען באזינגען דעם פסוק אין אשת חיל (משלי לא:כז), צוֹפִיָּה הֲלִיכוֹת בֵּיתָהּ - זי קוקט זיך אום אויף אלעס וואס קומט פאר אין איר הויז. צוֹפִיָּה מיינט, זי איז געווען אן אויפזעערין, קוקנדיג נאכאנאנד אויב יעדער אין איר הויז פירט זיך אויף ווי עס דארף צו זיין. ווייל שרה האט פארשטאנען אז זי בויעט א מקדש, א הויז פון קדושה און נצחיות, האט זי געהאלטן א שארף אויג צו אויפכאפן יעדע קלייניקייט וואס קען חלילה שעדיגן די קדושה פון איר הויז.

פארשטייט זיך דא רעדט מען נישט פון אזא זאך אז עס כאפט זיך אריין פראסטע צייטונגען אדער ניגונים, דאס געהערט נישט אין קיין שום נארמאלע היים און אודאי נישט אין קיין אידישע שטוב.

שרה אמנו האט געלייגט איר אויפזיכט אויף פיל א העכערן שטאפל ווי אין א געווענליכע היים - זי האט געהאלטן אירע אויגן אפן אפילו אויף דעם מינדעסטן פגם וואס געהערט נישט צו זיין אין איר בית המקדש. און אזוי, ווען וַתֵּרֶא שָׂרָה - ווען שרה האט געזען אֶת בֶּן הָגָר... מְצַחֵק - אז ישמעאל האט געלאכט, זי האט אים געזען שפעטן, האט זי דאס נישט אזוי גרינג אדורכגעלאזט. ווי פיל מפרשים ערקלערן דאס ווארט 'מצחק'; דאס איז געווען עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים. אבער מיר וועלן זיך שטעלן אויף דעם פשוט'ן פשט דערפון און דאן וועלן מיר פארשטיין אז דאס איז וואס די חכמים האבן געמיינט: אין די הויז פון שרה, אויב האט איינער געשפעט, געמאכט ליצנות, געזאגט נארישע זאכן - דאס איז געווען אזוי ווי עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים!

## אן ארט פאר די שכינה

**ווען** ישמעאל האט געלאכט אין איר הויז, איז שרה שאקירט געווארן; זי איז פארבליפט געווארן פון וואס זי האט געזען. זיכער האט שרה שטענדיג געהאט א שמייכל ווען זי האט זיך געפונען אין שטוב, זי איז געווען א גוטמוטיגע פרוי, אלעמאל שמייכלדיג און פריינטליך. אבער א שפעטער?! א לץ?! אזא מענטש, ווער ווייסט צו וואו ער קען אנקומען?! צו לאכן הויך אויפ'ן קול אין געצעלט פון שרה, איז ווי א כהן גדול צולאכט זיך יום כיפור אין קודש הקדשים. אום יום כיפור! אזא הייליגער טאג! דאס וואלט געווען א שרעקליכע שערוריה! דערפאר האט שרה רעאגירט און געזאגט: גָּרֵשׁ - ער מוז פארשיקט ווערן; ער געהערט נישט צו זיין מער אין מיין בית המקדש.

אזויפיל יארן האט שרה געהארעוועט צו איינפלאנצן יראת ה' אין איר געצעלט און דערפאר, ווען זי האט דאס געזען האט זי געזאגט צו אברהם, "ער קען נישט דא זיין." און הקב"ה האט באשטעטיגט אירע רייד: כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ - אלעס וואס שרה וועט דיר זאגן, זאלסטו צוהערן איר קול (כא,יב). דער באשעפער האט מסכים געווען מיט איר. שרה אמנו האט געהאט אירע פרינציפן ווי אזוי איר שטוב זאל אויסזען. אין איר געצעלט האט יעדער געהאט א 'הדרת קודש', און אזוי איז עס געווארן א מקדש, וואס דאס איז געווען אין שרה'ס זכות. היה ענן קשור על האהל - עס איז געווען א וואלקן, א וואלקן פון די שכינה, וואס האט געשוועבט העכער איר געצעלט דורכאויס איר גאנץ לעבן (בראשית רבה ס, טז). דאס איז געווען אין שרה'ס זכות. זי איז דער וואס האט געבויעט דעם בית המקדש ממש.

## שרה אמנו'ס פיל דינסטן

**שרה** אמנו האט אליין געבויעט איר הויז, איר בית המקדש! זי האט אלעס אנגעפירט מיט אירע אייגענע הענט, טראץ וואס זי איז געווען א רייכע פרוי מיט פיל דינסטן. אברהם אבינו האט געהאט דריי הונדערט און אכצן קאמפספעאיגע דינער וואס האבן אים באגלייט אין מלחמה צו ראטעווען לוט און אויסער זיי האט ער געהאט נאך קנעכט. די קנעכט האבן זיכער חתונה געהאט און געהאט קינדער, אלזא האבן כאטש טויזנט קנעכט געוואוינט אין אברהם אבינו'ס לאגער. נעמענדיג דאס אין חשבון, איז זעלבסטפארשטענדליך אז צווישן זיי זענען געווען גענוג און נאך פרויען וואס האבן געקענט ארויסהעלפן שרה אמנו אין די שטוב ארבעט.

אבער ווען אברהם אבינו האט איינגעפלאנצט א גארטן און אויסגעגראבן א ברונעם און איינגעלאדנט מענטשן זאלן זיך אפשטעלן ביי אים צו עסן און טרינקען, ווער מיינט איר האט צוגעגרייט די עסן פאר זיי? ווער איז געווען די וואס האט געבאקן פאר זיי? דאס האבן נישט געטון שרה'ס דינסטן; שרה אמנו האט אליין געטון די ארבעט, ווי דער פסוק זאגט, וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה אֶל שָׂרָה - און אברהם האט זיך געאיילט צו די געצעלט צו שרה וַיֹּאמֶר מַהֲרִי שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת לוּשִׁי וַעֲשִׂי עֻגוֹת - און ער האט איר געזאגט, אייל זיך צו און פארקנעט דריי סאה זעמל מעל און מאך דערפון קיכעלעך (וירא יח,ו). און זיי האבן נאכאנאנד געהאט געסט - נישט נאר די דריי מלאכים. אברהם אבינו איז שטענדיג פארנומען געווען מיט הכנסת אורחים. ער האט אלעמאל געזוכט צו ארייננברענגען באזוכער און שרה איז געווען די וואס האט שטענדיג געבאקן פאר זיי, ווייל זי האט געטון דערמיט פיל א גרעסערע עבודה ווי באקן פשוט'ע ברויט - זי האט געבאקן קרבנות מנחות.

עס איז אזוי ווי א פרוי וואס האט גענוג אויסוואלן פון כשר'ע בעקערייען וואו צו קויפן חלה, אבער זי וויל אליין באקן די חלות לכבוד שבת קודש, זייענדיג מקיים די מצוה פון הפרשת חלה. דאס איז א מצוה; לֹא תֵאָכֵל בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף - עס זאל נישט געגעסן ווערן, אין פייער זאל דאס פארברענט ווערן. אזוי

ווי מען פארברענט פסול׳ע קדשים, אזוי פארברענט זי איר שטיקל חלה טייג, בשעת זי ערפילט די מצוה פון ארויפשטעלן חלה צום עסן אויף דעם שבת טיש. די אידישע מאמע פון היינט טוט ווייטער שפרייזן אויף די פיסטריט פון איר פארבילד שרה אמנו, די צדיקת וואס האט מיט אירע אייגענע הענט געבאקן פיינע געבעקסן פאר אירע געסט.

## יעדע שטוב ארבעט איז א הייליגע עבודה

**צוויישן** די פיל געוואלדיגע מעלות פון שרה אמנו, איז זי געווען א געלונגענע באלעבאסטע - זי האט געפירט א פארנומענע ווירטשאפט. זי איז נישט בלויז געזעסן און געזאגט תהלים און געלערנט ספרי מוסר. זי האט געטון שווערע ארבעט, פיזישע ארבעט!

ווייל דאס איז דער תפקיד פון א אידישע פרוי. אן אשה צדקנית איז נישט איינע וואס זיצט נאר פארזינקען אין ספרים. א פרוי זאל נישט טראכטן אז זי פארפאטשקעט איר צייט ווען זי איז פארנומען ווי א באלעבאסטע צו פירן די שטוב. ווען זי האט פרייע צייט - אדרבה, זאל זי ארייננקוקן אין ספרי מוסר א.ד.ג. אבער זי דארף געדענקען אז דוקא איר שטוב ארבעט איז וואס דריקט בעיקר אויס איר חשיבות. ווען זי קערט אויס די פאדלאגע, ווען זי וואשט די וועש, דאן דינט זי דעם הייליגן באשעפער. יעדע סארט ארבעט וואס א פרוי טוט אין איר היים - אן ערליכע היים - אויב טוט זי דאס לשם שמים - דאס איז א וויכטיגער יסוד, עס זאל זיין טאקע לשם שמים - מיט דעם טוט זי בויען נצחיות.

ווען א מאמע שטעלט אריין וועש אין וואש מאשין טראכט זי, ׳איך וויל אויפהאלטן אן ערליך אידיש הויז ווייל דער רבוש״ע האט מיר געגעבן דעם תפקיד. איך דארף נישט האבן א קאריערע, איך דארף נישט פירן קיין פאליטיק - אויף דעם איז א שאד די צייט. דוקא דא אין מיין שטוב איז דער ארט ווי איך דערגרייך גרויסע זאכן.׳ אזא פרוי בויעט א בית המקדש - זי טוט נאכמאכן די עבודת ה׳ וואס האט דערהויבן שרה צו זיין שרה אמנו.

אלזא, צו צאמנעמען דעם ענין - וואלט איך געזאגט אזוי, כאטש וואס דאס וועט מקצר זיין דעם גאנצן דערהער, עס וועט אוועקנעמען פון די טיפקייט דערפון, אבער איך דארף דאס ארויסברענגען צום פונקט: אלעס וואס אברהם אבינו און שרה אמנו האבן געטון, איז געווען מיט די כוונה לשם שמים. היינט ווען מען ניצט דעם אויסדריק ׳לשם שמים׳ דערהערט מען נישט דעם ריכטיג באדייט דערפון, ווייל עס ווערט נישט ממש ריכטיג באנוצט, מיט׳ן אמת׳ן מיינונג. אבער ביי אברהם אבינו און שרה אמנו איז דאס געווען אין פולן זין פון ווארט - ביי יעדן טאט האבן זיי געהאט די פולסטע באוואוסטזיניגקייט פון ׳שמים׳ - דעם הייליגן באשעפער. און דערפאר, איז קיין שום זאך נישט געטון געווארן, נאר ווען עס איז מאטיווירט געווארן דורך אט די אנערקענונג.

איר זאלט נישט מיינען אז דאס אלעס וואס איז פריער אויסגעשמועסט געווארן איז איבערגעטריבן, פארקערט, וויפיל עס איז געשריבן געווארן איז באמת נאר א טייל פון דער אמת׳ער מציאות. אלעס אלעס וואס אברהם אבינו און שרה אמנו האבן געטון איז געווען דורכגעווייקט מיט דעם באשעפער. אלע זייערע טעג, יעדער ריר וואס זיי האבן געמאכט, איז געווען באזירט אויף די מחשבה אז דער באשעפער געפינט זיך ממש דא - די שכינה רוט אין אונזער געצעלט און מיר טוען דאס מערסטע זיך צו צופאסן צו אזא הייליגע סביבה.

# חלק ג: אונזער היים

### אלעס בלויז פאר רצון השם

**דערפאר**, ווען א מענטש וויל הייננט, אין זיין אייגענע היים, נאכגיין די וועגן ווי אזוי אברהם און שרה האבן געלעבט, איז איינע פון די ערשטע יסודות, אז אלעס זאל זיין לשם שמים, געדענקען שטענדיג דעם באשעפער.

דאס מיינט נישט אז אויף איינמאל דארפן מיר אלעס אפלאזן פון וואס מיר האבן ביז היינט געטון, מיר דארפן נישט פלוצלינג ארויפשפרינגען צו הויכע דרגות. פארשטייט זיך, מיר זענען מענטשן וואס פראבירן דאס בעסטע וואס מיר קענען און דערפאר טוען מיר אלעמאל פראבירן צו 'צולייגן' נאך א כוונה צו די ארבעט וואס מיר טוען אין אונזער שטוב. לאמיר זאגן, איר זעצט זיך אראפ צו עסן. יעצט, איר זענט נישט קיין היפאקריט; איר עסט ווייל איר זענט הונגעריג, דאס עסן איז געשמאק און איר האט א גוטן אפעטיט, ווערט איר נישט זאגן אז איר עסט אזוי ווי אברהם און שרה האבן געגעסן, בלויז לשם שמים. איר גייט עסן אויף א נאטורליכן שטייגער. אבער אין די זעלבע צייט שטרעבט איר צו די כוונה פון 'לשם שמים'.

איר קענט אפילו זיך אויסדריקן אין דעם הינזיכט. איר קענט זאגן, "איך עס לויט די הלכה אין שלחן ערוך (אורח חיים רל"א) וואס זאגט, 'ווען דו עסט זאלסטו דאס טון מיט'ן ציל צו דינען דעם באשעפער'. דאס ברענגט דארט דער מחבר און אויף דעם זענען נישטא קיין שום חילוקי דעות. דאס איז געדרונגען פון די משנה, וְכָל מַעֲשֶׂיךָ יִהְיוּ לְשֵׁם שָׁמָיִם - און אלע דיינע מעשים זאלן זיין לשם שמים.

### עס ווערט א טייל פון דיין מהות

**כדי** צו קענען מקיים זיין דעם סעיף אין שלחן ערוך, דאן ווען איר זעצט זיך אראפ צו עסן, זאלט איר לאזן די מחשבה אריינדרינגען אין אייער מח, אזוי צוביסלעך, ווי מער איר וועט אזוי טראכטן, וועט דאס אנהייבן ווערן א טייל פון אלע אייערע מעשים. עס וועט זיין א חלק פון אייערע מחשבות. און נאך א שטיק צייט, וועט איר זען אז כאטש א טייל פון אייער כוונה איז לשם שמים. איר זאלט אנהייבן רעדן איבער דעם ענין פון לשם שמים, טראץ עס וועט זיין בלויז אויסערליך, און נאך א ווײַלע וועט דאס ווערן אן אמת'ע כוונה וואס נעמט אנטייל אין אייערע אינטערעסן.

דאס איז נומער איינס! דער יסוד פון א אידישע הויז איז צו געדענקען דעם באשעפער. ווען מיר האבן בעזהשי"ת חתונה, ציען מיר זיך זיך אריין אין א היים, לַעֲבֹד אֶת הַשֵּׁם - צו דינען דעם באשעפער, און וואס מיר טוען, אפילו אין עניני גשמיות און הנאות, איז מיט'ן ציל צו פארבעסערן די אטמאספער פאר דעם שטוב צו זיין אן ארט פון עבודת ה'. און מיט די יארן שטייגט מען מיט די השקפה און עס ווערט אלס א שטארקערער און שטארקערער טייל פון אייער מהות און געדאנקען, ביז, נאך איידער איר וועט דאס באמערקן, וועט דאס פארנעמען א גרויסן חלק פון אלע אייערע אינטערעסן.

### קוואליטעט פארבעסערט זיך מיט די עלטער

**איינער** וואס פירט זיך אזוי, טוט נאכגיין די וועגן פון שרה אמנו, ווייל דאס איז געווען די מאטיוואציע מיט וואס שרה האט געבויעט איר היים. און דערפאר איז איר גדלות געווען אומשאצבאר. ווי עס ווערט געברענגט אין משלי, אֵשֶׁת-חַיִל,

מִי יִמְצָא - וואו קען מען געפינען אזא פרוי? א פרוי מיט אזא העלדישקייט - אזוי טעטיג און פלייסיג? וְרָחֹק מִפְּנִינִים מִכְרָהּ - איר ווערד איז פיל מער ווי דער ווערד פון דיאמאנטן. מִי יִמְצָא - ווער קען געפינען אזא זאך?! א פרוי, א צדיקת, וואס איז פרייליך צו דינען דעם באשעפער אין איר היים! אזא פרוי ווערט הייליגער און הייליגער מיט יעדן טאג; יעדן פארבייגייענדער טאג ווערט זי מער ווערדפול.

די גמרא (ערוכין יט.) זאגט, סַבָּא בְּבֵיתָא - אן אלטער מאן אין הויז, פָּאחָא בְּבֵיתָא - איז א נודניק אין הויז. אן אלטער מאן קען נישט ארבעטן, ער טוט זיך נאר אפרעדן אויף זיינע ווייטאגן און יסורים. צומאל קומט ער אריין אין קאך וואו זיין ווייב קאכט און באקט און ער עפנט די שאפעס און פריזשידער און ער שטייט אין וועג. אן אלטער מאן, א פענסיאנער, געהערט צו זיין אין כולל א גאנצן טאג. אינדערהיים איז ער א נאכאנאנדער נודניק. אין ישיבה איז ער אן אוצר אבער סַבָּא בְּבֵיתָא, אין הויז איז ער א פָּאחָא, א שטרויכלונג.

אבער סַבְתָּא בְּבֵיתָא - אן אלטע פרוי אין הויז, סִימָא בְּבֵיתָא - זי איז אן אוצר אין הויז. ווי עלטער זי ווערט, איז זי אלץ מער און מער איז זי א געטרייע און בעסערע דינסט פאר'ן באשעפער. אן אלטע פרוי איז מער פעאיג, זי איז א מער ערפארענע באלעבאסטע. זי טיילט מיט אירע עצות פאר אירע קינדער און אייניקלעך - ווי אזוי זיך אפצוגעבן מיט קינדער; איינער איז פארקילט, מען האט פיבער, ווייסט זי וואס צו טון. און נאך פיל מער פון דעם. דער עיקר ספעציעלקייט פון שרה אמנו אין איר היים איז געווען דאס וואכזאמקייט צו די אנוועזנהייט פון די שכינה אין איר געצעלט, וואס דאס האט איבערגעוואויגן אירע געדאנקען אין אלע אירע מעשים. אזוי האט זי געלעבט ביז צו דעם טרויעריגן טאג וַתָּמָת שָׂרָה - ווען שרה אמנו איז נפטר געווארן און איר בית המקדש איז חרוב געווארן.

## זיך אוועקציען צו אן אנדער ארט

**אצינד** לאמיר ערקלערן א טיפערן באדייט פון דעם לשון 'וַתָּמָת שָׂרָה'. דאס ווארט מות - צו שטארבן, איז פארבונדן מיט דאס ווארט מוּש - זיך אוועקציען, זיך אפטיילן; אזוי ווי אין די פסוקים לֹא יָמוּשׁוּ מִפִּיךָ (ישעיהו נט,כ) און לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל (שמות לג,יא). די באדייט פון די צוויי ווערטער זענען זייער ענליך, ווייל ווען מען זאגט מות - שטארבן, מיינט נישט אז א מענטש ענדיגט גענצליך זיין עקזיסטענץ; ער טוט זיך בלויז ארויסציען פון דא צו א צווייטן ארט - ער איז מָשׁ.

אלזא, וַתָּמָת שָׂרָה באדייט וַתָּמֶשׁ שָׂרָה - שרה האט זיך ארויסגעצויגן פון די וועלט און מיטגענעמען איר געצעלט מיט זיך. איר געצעלט איז נישט אפגעשטארבן - עס איז א נצחיות וואס פארבלייבט אויף אייביג. ווען מיר קוקן אריין אין דעם קאפיטל 'אשת חיל'; אויף די ערליכע, העלדישע פרוי, שטייט, עֹז וְהָדָר לְבוּשָׁהּ - זי איז געקליידט מיט שטארקקייט און פראכט. דאס מיינט, כאטש זי טוט נישט אויסגעבן פיל געלט אויף אירע קליידער און צירונגען, איז זי באקליידט מיט אזא שטארקקייט און פראכט וואס וועט בלייבן אויף אייביג.

עֹז מיינט, אז דאס זענען קליידונג וואס וועלן בלייבן אויף אייביג און הָדָר מיינט, אז דאס זענען די שענסטע קליידונג. די קליידונג פון גוטע מידות, יראת שמים, באגלייבטקייט און ערליכקייט, דאס זענען די מלבושים מיט וואס שרה אמנו האט זיך באקליידט. און וַתִּשְׂחַק לְיוֹם אַחֲרוֹן - זי לאכט אין איר לעצטן טאג. דאס מיינט, זי קוקט ארויס מיט רואיגקייט צו איר לעצטן טאג ווייל דער טויט איז נישט איר סוף, עס איז נאר אן אריבערגאנג שוועל. דערפאר, ווען עס איז געווען וַתָּמָת שָׂרָה, מיינט דאס אז זי האט בלויז אריבערגעטראטן דעם שוועל צום עולם הבא און דארט האט זי געפונען איר נצחיות'דיגע געצעלט

וואס האט איר אפגעווארט מיט דעם פולן גלאנץ וואס זי האט אריינגעלייגט דערין.

## מיר קוקן אלעמאל צוריק

**אבער** נישט נאר פאר שרה אמנו בעולם הבא פארבלייבט איר געצעלט אויף אייביג, נאר דאס דינט אלס א שטענדיגערביישפיל פאר אונז. דערפאר, כאטש וואס שרה׳ס פטירה ווערט באטראכט ווי דער ערשטער חורבן וואס מענטשן זענען אריבער דורכאויס אונזער היסטאריע, האט דאס אידישע פאלק דאס געשטעלט אלס א ציל צו צוריקקוקן אויף די געהויבענע געצעלט פון שרה און צו נאכמאכן וואס אונזער הייליגע מאמע האט דערגרייכט אין איר היים; דער יסוד וואס די צדיקת האט אראפגעשטעלט אלס א ביישפיל פאר אונז.

יעדעס קינד וואס איז אן אייניקל פון די אבות הק׳, יעדער וואס וויל נאכגיין די וועגן פון די אבות און אמהות, דארף זיך פארשטעלן דאס פארבילד פון אונזערע הייליגע אבות און אמהות און פארשטיין אז אויך ער דארף זיך אזוי פירן. יעדער איד קען אויפשטעלן א נצחיות׳דיגע וואוינונג פאר זיך - א וואוינונג וואס וועט בלייבן אויף אייביג, אויב ער פארשטייט וואס עס איז זיין עבודה וואס ער דארף אריינלייגן אין די וואוינונג; צו לערנען תורה אין זיין הויז, צו טון מצוות אין זיין הויז, צו ערציען קינדער אין זיין הויז מיט אן ערליכע השקפה און זיך פירן אין אלע שבתים, ימים טובים און אלע טעג מיט גוטע מידות, רעדן גוטהארציגע ווערטער און בעיקר, געדענקען דעם באשעפער אויף טריט און שריט אין אלעם וואס מען טוט.

אויב איז מען נישט מצליח צו דערגרייכן אפילו צום קנעכל פון די געהויבענע לייט, דארף מען נאך אלץ שטרעבן צו שטייגן וואס העכער. מיר קענען בכלל נישט פארשטיין און זען מיט אונזערע פליישיגע אויגן די הויכע דרגות צו וואו מיר אליין קענען אנקומען - אבער יעדער מענטש וואס הייבט אן אן ארבעט פון בויען א הויז, האט די רעכט, די התחייבות, צו בויען די הויז אויף די זעלבע יסודות וואס אברהם און שרה האבן אראפגעשטעלט פאר זייער היים. און דאס איז דער יסוד פון די גרעסטע מאס געטריישאפט און איבערגעבנקייט צום באשעפער; צו פארוואנדלען די היים אויף די העכסטע דרגה וואס מען קען באווייזן, א ריכטיגע היים פאר די שכינה הק׳.

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי״ת
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**צו מנדב זיין ״תורת אביגדור״ רופט: 845-213-7571**
**פאר וויליאמסבורג רופט: 929-236-6802**

**לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן**




**צו באשטעלן ביי אונז**
**קונטרסים גליונות פאר:**
שבת באווארפן שבת שבע ברכות,
שבת התוועדות, אא"וו.

מיט די
- תפילות
- קריאת התורה
- זמירות
- ברהמ"ז

לויט אייער פארלאנג!

פארבינדט אייך מיט אונז
ווי פריער אין וואך
**615.680.9029**
gilyonosshabbosgmail.com

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**



# שאלות ותשובות
## מיט ר' אביגדור מיללער זצ"ל

## שאלה:

**דער רב האט דערמאנט אז משה רבינו איז געווען דער גרעסטער מענטש וואס האט אמאל געלעבט אויף דער וועלט. ווער איז געווען די גרעסטע פרוי וואס האט אמאל געלעבט אויף די וועלט? און פארוואס?**

## תשובה:

**דאס** איז א גרויסע שאלה. איך טראכט אז דאס איז געווען שרה אמנו. איך קען דאס באגרינדן מיט דעם וואס זי האט געהאט דעם גרעסטן מאן. כאטש וואס איך האב געברענגט דאס אז משה רבינו איז געווען אפילו גרעסער פון אברהם אבינו, אבער ציפורה, משה רבינו'ס ווייב, איז געווען א צווייטע מעשה. טראץ וואס זי איז זיכער געווען א צדקנית, האבן מיר נישט קיין שום ראיות אז זי האט אנטייל גענומען אין משה רבינו'ס עבודה.

**אבער** שרה, זי איז געווען אברהם אבינו'ס באגלייטער. דאס ווייסן מיר. זיי האבן געלעבט אינאיינעם און זיך געפירט מיט דעם זעלבן הייליגן דרך אלע זייערע טעג. אברהם מגייר את האנשים ושרה מגיירת את הנשים - זיי זענען געווען בייאנאנד. אברהם האט אויסגעלערנט אז עס איז דא א באשעפער אויף דער וועלט פאר די מענער, בשעת שרה האט געטון דאס זעלבע פאר די פרויען.

**אלזא** זעט מיר אויס אז עס איז פשוט צו זאגן אז שרה איז געווען די געהויבנסטע פרוי וואס האט אמאל געלעבט אויף דער וועלט. יעצט, אפשר קען מען זאגן אז חוה איז געווען גרעסער, אז אונזער ערשטע מאמע איז מעגליך געווען גרעסער ווי שרה. דערפאר, וועל איך דארפן לאזן די שאלה אפן פאר יעצט.

### נדבת השבוע

נדבת השבוע נתנדב ע"י
מו"ה מנחם מענדל ב"ר נ"ה פרידמאן נ"י
לרגל הולדת בתו למזל טוב

לע"נ האשה החשובה חיי שרה ב"ר שלום הלוי ע"ה
לע"נ הרבנית הצדקית חיי רוזא בת רבינו יואל זי"ע

הפצה בווילאמסבורג נתנדב לע"נ הרבנית איגא פערל ב"ר יצחק ע"ה